**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/10/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פאר קאמיוניטי אַוטריטש אפיס פאר די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו**

***נייע אפיס שטייט איוף Humboldt Parkway878 ; קאמיוניטי אַוטריטש ליעיזאן באשטימט פאר דעם פראיעקט צו זיין באזירט ביים אַוטריטש צענטער דינסטאג ביז שבת***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א קאמיוניטי אַוטריטש (community outreach) אפיס איז אפיציעל געעפנט געווארן פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איוף 878 Humboldt Parkway אין באפעלאו סיטי צו עפענען געלעגנהייטן פאר די פובליק צו זיין ארייננעמישט אין דעם פראיעקט אזוי ווי די פלענער צו פארבינדן פונדאנסיי די קאמיוניטי לענגאויס די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו גייען ווייטער אן. אזוי ווי עס איז שוין אנאנסירט געווארן בעפאר דורך גאווערנער האקול, איז אן ענווייראמענטאלע אפשאצונג פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אונטערוועגס און עס וועט פארענדיגט ווערן אנהויב 2024, עפענענדיג די טיר צו די מעגליכקייט שוין צו אפהאלטן אן אפיציעלע הנחת אבן הפינה ביז די ענדע פון די יאר. א נייע וועבזייטל איז אוייך געעפנט געווארן און צווייי פובליק סקאָופינג באגעגענישן (באגעגענישן צו אויסהערן קאמענטארן פון די פובליק) זענען אפגעהאלטן געווארן ביי די Buffalo Museum of Science אום יוני 30, גיבנדיג פאר די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ווערטפולע קאמענטארן איוף דעם פראיעקט.

"דער קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט האט די פאטענציאל צו ברענגען א מהפכה פאר איסט באפעלאו, ברענגנדיג נייע געלעגנהייטן פאר איינוואוינער און פארבינדנדיג פונדאסניי א קאמיוניטי וואס איז בוכשטאבליך געווען צוטיילט דורך א הייוועי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די עפענונג פון די נייע קאמיוניטי אַוטריטש צענטער וועלן מיר קענען ארבעטן דירעקט מיט די איינוואוינער וועלכע וועלן די מערסטע באטראפן ווערן דורך דעם טראנספארמאטיון פראיעקט און אויסהערן אומשאצבארע קאמענטארן. עס איז וויכטיג אז מיר זאלן טוהן דעם פראיעקט אויפן ריכטיגן וועג און דאס פארזעצן צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי איז קריטיש פאר די הצלחה דערפון."

די קענזינגטאן עקספרעסוועי, געבויט אין די 1950'ער און די 1960'ער יארן, האט ערזעצט דאס וואס איז בעפאר דעם געווען א לאנגע גאס מיטביימער לענגאויס די ראוד – די היסטארישע האַמבאָלדט פארקוועי וואס איז דעזיינט געווארן דורך פרעדעריק לאו אָלמסטעד – מיט א טיפע הייוועי וואס האט אפגעהאקט די פארבינדונג צווישן די ארומיגע געגנטער. מיט ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר אוועקגעלייגט דורך גאווערנער האקול פאר דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט אין איסט באפעלאו, וועלן די געגנטער וועלכע זענען אומרעכטיג צוטיילט געווארן דורך די קענזינגטאן עקספרעסוועי'ס אריגינעלע געבוי פאראייניגט ווערן פונדאסניי.

די קאמיוניטי אַוטריטש צענטער וועט זיין אפן פאר די פובליק דינסטאג ביז שבת און עס וועלן זיין שטאב מיטגלידער פון דעם פראיעקט. די פובליק ווערט געמוטיגט צו באזוכן די אפיס צו באקומען אינפארמאציע איבערן פראיעקט, פרעגן פראגן און נעמען א חלק אין די אנגייענדע באמיאונג צו אויסהערן די פובליק.

**קאמיוניטי אַוטריטש אפיס שעה'ן ביי 878 Humboldt Parkway:**

- דינסטאג ביז פרייטאג: 10 אינדערפרי ביז 6 נאכמיטאג;
- שבת: 10 אינדערפרי ביז 2 נאכמיטאג

פראיעקט שטאב מיטגלידער זענען אויך אוועילעבעל אויפן טעלעפאן אויף 716-370-0071 אדער אויף אימעיל [www.KensingtonCommunityOutreach@dot.ny.gov](mailto:KensingtonCommunityOutreach@dot.ny.gov)

דאס אויסהערן קאמענטארן פון די פובליק פאר דעם פראיעקט האט זיך אנגעהויבן מיט די עפענונג פון די [kensingtonexpressway.dot.ny.gov/](https://kensingtonexpressway.dot.ny.gov/) וועבזייטל אום יוני 29, 2022. דער פראיעקט וועבזייטל פארעפנטליכט די לעצטע אינפארמאציע איבער דעם פראיעקט פאר די פובליק.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די טראנספארטאציע דעפארטמענט ארבעט צוזאמען מיט די איסט באפעלאו קאמיוניטי מיט אלעס וואס איז פארבינדן צו דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט, און די נייע אפיס גיבט פאר איינוואוינער פון איסט באפעלאו א געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אונז, אונז פרעגן פראגן און באקומען ענטפערס שנעלערהייט. מיר ווילן זיין שותפים מיט די קאמיוניטי דורכאויס יעדע שטאפל פון דעם פראצעדור אזוי ווי מיר דעוועלאפען דעם פראיעקט. איך מוטיג איינוואוינער פון איסט באפעלאו אונז צו באזוכן — פיזיש ביי די אַוטריטש צענטער, דורך די אינטערנעט אדער ביי איינס פון די מערערע קאמיוניטי צוזאמקומען וואס מיר פלאנירן צו אנטיילנעמען אין די קומענדיגע חודשים."

ארבעטנדיג בשותפות מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע ( Federal Highway Administration), שטופט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) פאראויס די ענווייראמענטאלע איבערבליק פראצעדור פאר דעם פראיעקט דורך אן ענווייראמענטאלע אפשאצונג וואס וועט בויען אויף די יארן וואס די NYSDOT ארבעט מיט די פובליק און אויף שמועסן מיט לאקאלע פירער אויף וויאזוי צו פארריכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט פאר די געגנטער אין איסט באפעלאו אויפן בעסטן פארנעם. די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קוקט יעצט איבער געלעגנהייטן צו שאפן נייע אפענע פובליק פלעצער, פארמערן די זיכערהייט פון ביציקליסטן און פיסגייער און אדרעסירן גרעונישן און לופט פארפעסטיגונג אלץ טייל פון דעם ענווייראמענטאלע אפשאצונג פראצעדור. די דעפארטמענט נעמט אויך אין באטראכט צו מאכן פארבעסערונגען אויף די לאקאלע געסער צו ערמעגליכן פאר קארן צו פארן זיכערערהייט אויך אינעווייניג אין די פונדאסניי-פארבינדענע געגנטער. די קענזינגטאן עקספרעסוועי פירט בערך 80,000 קארן פער טאג.

צוויי פובליק סקאָופינג באגעגענישן זענען אפגעהאלטן געווארן אום יוני 30, 2022 ביי די Buffalo Museum of Science. פאנעלן זענען אפגעהאלטן געווארן דורכאויס די באגעגענישן וואו עס זענען פארגעשטעלט געווארן די פארשידענע געביטן פון דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג צוויי אפציעס וועלכע האבן אוועקגעשטעלט די יסוד צו קענען צוריקברענגען די הייוועי צו די זעלבע הייך ווי די ערד ארום די ראוד, א זאך וואס וועט צוריקברענגען די אריגינעלע אויסקוק פון די האַמבאָלדט פארקוועי. די באגעגענישן האבן געגעבן פאר קאמיוניטי מיטגלידער א געלעגנהייט צו לערנען מער איבער די פארשידענע אפציעס וועלכע זענען אין באטראכט גענומען געווארן פאר דעם פראיעקט און צו לאזן הערן זייערע מיינונגען פאר די טראנספארטאציע דעפארטמענט. די באגעגעניש איז נאכגעפאלגט געווארן מיט

א 30-טאגיגע תקופה צו איבערלאזן נאך קאמענטארן אויף די פארגעשלאגענע פראיעקט באריכט. כמעט 200 קאמענטארן זענען ערהאלטן געווארן פון די קאמיוניטי צו העלפן צושטעלן די נויטיגע אינפארמאציע פאר די דעפּארטמענט'ס באשלוסן.

דעפּארטמענט איינגעשטעלטע זענען אויך געווען אנוועזנד ביי נאכפאלגנדע קאמיוניטי באגעגענישן דורכאויס די זומער וואו זיי האבן געגעבן אינפארמאציע איבער דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט:

1. Board of Block Clubs באגעגעניש - יולי 28, 2022
2. קאמיוניטי באגעגעניש ביי דעלעוואן-גריידער קאמיוניטי צענטער - יולי 30, 2022
3. National Night Out ('נאציאנאלע נאכט ארויס') - אויגוסט 2, 2022
4. Surviving is Thriving Health Fair ('איבערלעבן מיינט בליהען - געזונטהייט יריד') - אויגוסט 16, 2022
5. Community Day of Hope ('קאמיוניטי טאג פון האפענונג') - סעפטעמבער 2, 2022
6. 'צוריק אין סקול' בלאק פארטי - סעפטעמבער 3, 2022

אין אן אנגייענדע באמיאנוג צו אויסהערן קאמענטארן איבער דעם פראיעקט, גיבן פראיעקט שטאב מיטגלידער יעצט איבער אינפארמאציע איבערן פראיעקט דורכאויס די הערבסט ביי פארשידענע קירכעס אין באפעלאו סיטי, אריינרעכענענדיג ביי א צערעמאניע ביי די True Bethel Baptist קירכע אום נאוועמבער 13.

**סענאטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "די טראנספארמאציע פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי איז אויפן וועג א דאנק היסטארישע אינוועסטירונגען פון אונזער אומפארטייאישער 'אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס געזעץ' (Infrastructure Investment & Jobs Act). פאר צו לאנג איז איסט באפעלאו אפגעטיילט געווארן פון די סיטי, פארערגערנדיג ראסישע אומרעכטן און שטייענדיג אין וועג פון עקאנאמישע געלעגנהייטן. עס איז שוין פון לאנג געקומען די צייט צו איבערקומען די שטרויכלונג, און די שטימעס אין די קאמיוניטי מוזן שטיין אין פארנט און אין צענטער ביים בויען די צוקונפט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און NYSDOT פאר'ן שטיין אין פארבינדונג מיט דער קאמיוניטי אויף אנצוהויבן רעכט צו מאכן די שאדנס געטון צו די מארטין לוטער קינג און העמלין פארק געגנטער וועלכע שטייען שוין איבערגעריסן זינט ווען דער קענסינגטאן איז געבויט געווארן.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "דער פראיעקט גיבט א געוואלדיגע געלעגנהייט צו צוריק פארבינדן און נאכאמאל אינוועסטירן אין באפעלאָו'ס האָמבאָלדט פּאַרקוועי געגנט. דאס ארבעטן אקטיווערהייט מיט די קאמיוניטי וועט זיכער מאכן אז דער פראיעקט ווערט געבויט אויף א וועג וואס שפיגלט אפ דאס וואס די פובליק לאזט הערן אז זיי ווילן און אויף א וועג וואס קומט נאך די באדערפענישן פון די איינוואוינער וועלכע וואוינען אין די געגנט און קענען עס די בעסטע."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דורכאויס די גאנצע צייט ווען מיר האבן געארבעט אויף דעם פראיעקט זענען די קאמענטארן פון די קאמיוניטי געווען א וויכטיגע חלק — לאזנדיג הערן די קול פאר עכטע, טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען און העלפנדיג באשטימען די באדערפענישן און שטאפלען פון ארבעט וועלכע ליגן אין די צוקונפט. די פיזישע קאמיוניטי אַטריטש צענטער ווערט פארזעצן צו טרייבן די וויכטיגע דיאלאג, און עס וועט לייגן דאס אז די פובליק זאל זיין פארמישט אלץ א פריאריטעט אזוי ווי דער פראיעקט רוקט זיך פאראויס."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "א דאנק פאר גאווערנער האקול און NYSDOT קאמישאנער דאמינגעז פאר זייער אנגייענדע שתדלנות און שותפות. געציילטע חודשים נאך זיי האבן דערמאנט אז זיי וועלן עפענען א קאמיוניטי אַטריטש אפיס פאר דעם פראיעקט

האבן זיי עס געמאכט פאר א מציאות. ארטיגע איינוואוינער וועלן יעצט קענען באקומען אינפארמאציע, רעדן מיט די יועצים פון דעם פראיעקט און לערנען מער איבער אונזערע געמיינזאמע באמיאונגען צו פאררעכטן א היסטארישע אומרעכט דורך דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט."

**באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראַון האט געזאגט,** "די עפענונג פון א נייע קאמיוניטי אַוטריטש אפיס אויף האַמבאָלד פארקוועי פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז נאך א פאזיטיווע טריט פאראויס אינעם פארבינדן פונדאסנייי די געגנטער וועלכע זענען הויפטזעכליך טונקל-הויטיג וואס עס האט אריבערגעשניטן ווען עס איז צום ערשט געבויט געווארן. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו דעם פראיעקט. די נייע אפיס איז נאך א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר איינוואוינער צו לאזן הערן זייערע שטימעס דורכאויס א פראצעדור וואס וועט עווענטועל פירן צו די פאראייניגונג פון געגנטער אין אונזער סיטי און צו די היילונג פון א קאמיוניטי."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק סי. פאלאנקאַרז:** "עפענען א קאמיוניטי אַוטריטש אפיס פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט איז גאר א שכל'דיגע טריט, און עס וועט גיבן פאר די פובליק גענוג געלעגנהייטן צו קענען זיין פארמישט און וויסן אלע אינפארמאציע אזוי ווי דער טראנספארמאטיווער פראיעקט רוקט זיך פאראויס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן עפענען די אפיס, און איך קוק ארויס צו זעהן דעם פראיעקט זיך רוקנדיג אויף פאראויס."

די טראנספארטאציע דעפארטמענט פלאנירט צו פארעפנטליכן די שליסליכע דעזיין באריכט פאר דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין הערבסט פון 2022 צוזאמען מיט א פובליק באגעגעניש. די דעפארטמענט זוכט א פאסיגע לאקאציע און עס וועט מאכן אן אנאנס אין די קומענדיגע וואכן איינמאל די דאטום און לאקאציע ווערן געשלאסן.

גאווערנער האקול'ס היסטארישע 32.8 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגע טראנספארטאציע דעפארטמענט אינוועסטירונג פלאן איז אנגענומען געווארן אלץ טייל פון די סטעיט'ס פיסקאלע יאר 2023 בודזשעט רעכנט אריין ביז אזויפיל ווי 1 ביליאן דאלאר צו צוריק פארבינדן די מזרח און מערב געגנטער אויףביידע זייטן פון די טיפע טייל פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי אין איסט באפעלאו און צוריקברענגען די גרינע שטח וואס איז געווען אויף די זייטן פון די האַמבאָלדט פארקוועי — אן מוותר זיין אויף די לאנג-טערמיניגע קאפאציטעט פון די וויכטיגע ראיאנישע טראנספארטאציע פארבינדונג וואס די עקספרעסוועי ברענגט.

אלעס צוזאמען, רעכנט די טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס אינוועסטירונג פלאן אריין כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר אינפראסטראקטור פראיעקטן וועלכע רוקן פאראויס גלייכקייט, פארבינדונג און געלעגנהייט פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען פאר קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אין צוגאב צו דעם קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט אין איסט באפעלאו, רעכענען די פראיעקטן אריין דאס איבערבויען די Bruckner-Sheridan אינטערטשעינדזש ביי האַנטס פוינט אין די בראנקס, איבערמאכנדיג די יעצטיגע אינערליכע הייוועי צו ווערן א גאס פאר די קאמיוניטי אין ראטשעסטער; די קאנסטרוקציע פון די I-81 קאמיוניטי גריד אין סירעקיוס; און דאס איבערדעקן טיילן פון די קראס-בראנקס עקספרעסוועי אין די בראנקס.

פאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: @NYSDOT. טרעפט אונז אויף Facebook ביי facebook.com/NYSDOT.

###